בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ראה תשע"ז | שבת מברכין אלול | פרק ו' | גליון 422 [שנה ט']

**דער גרויסע כח וואס א איד האט**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ וגו' וְהַקְּלָלָה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ: (י"א כ"ו כ"ז) פרעגן אלע פארוואס שטייט רְאֵה א לשון יחיד –און נישט ראו– און ענדיגט לִפְנֵיכֶם, א לשון רבים –און נישט לפניך–? נאר עס שטייט (יומא פו ע"ב) גדולה תשובה שבשביל יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כולו, דורך תשובה איז מען מעורר גרויסע שפע פאר די גאנצע וועלט, קומט אויס אז א יחיד האט כח צו ברענגען גוטע זאכן פאר די גאנצע וועלט, דאס מיינט רְאֵה: מען רעדט צום יחיד, קוק וואס דו קענסט אויף טאן מיט דיין תשובה, לִפְנֵיכֶם, האסט א כח פאר די רבים, צו געבן א בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, און אויך דורך תשובה וועט מען ברענגען די גאולה, אזוי ווי די גמ' (סנהדרין צז ע"ב) זאגט: ר' אליעזר אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין שנאמר (ירמיהו ג יד) שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים, אֶרְפָּה מְשׁוּבֹתֵיכֶם. (יודעי בינה הרה"ק ר' אלעזר שפירא מלאהנצוט בן הבני יששכר)

**קענסט וויסן ווי דו האלטסט אין עבודה**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם: וְהַקְּלָלָה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ: (י"א כ"ו כ"ז) וואס זאלסטו זען? און וואס איז די בְּרָכָה וּקְלָלָה? שטייט פון הייליגן בעש"ט אז דער אויבערשטער ווייזט א מענטש א חסרון ביי יענעם צו זען ווי מיאוס דאס איז כדי מען זאל זיך פארעכטן, און אז מען זעט גוטע מעשים ביי יענעם איז דאס א סימן אז דער אויבערשטער איז צופרידן פון דיין עבודה, דאס קען זיין דער רמז רְאֵה, זאלסט זיך מתבונן זיין וואס דיינע אויגן זען, ווייל אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם, איך געב דיר צוויי אופנים, בְּרָכָה וּקְלָלָה, און דער סימן איז הַבְּרָכָה: אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אויב דו זעהסט גוטע מעשים, אבער וְהַקְּלָלָה: אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ, דו זעהסט חסרונות ביי יענעם, איז דאס א סימן אז דארפסט ארבעטן אויף יענע מדה. (פניני שפע חיים – אדמו"ר קלויזנבערג זצוק"ל)

**פאר א מצוה באקומט מען דאך נישט שכר אויף די וועלט!**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה.. אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ: (י"א כ"ו) פרעגן אלע מפרשים שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:)? אויך איז שווער דער לשון לִפְנֵיכֶם עס האט געקענט שטיין רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן הַיּוֹם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער קדושת יום טוב פרעגט, ווי אזוי האט יעקב אבינו געמעגט שיקן מלאכים צו עשו? און ער ענטפערט דאס זענען געווען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצוות (עיין ישמח משה). אויב אזוי איז שווער האט דאך יעקב אבינו זיך באנוצט מיט מלאכים פון זיין שכר מצוה, און שכר בהאי עלמא ליכא? נאר מען קען זאגן אז זיי זענען באשאפן געווארן פון די הכנה למצוות און פון א הכנה למצוה איז יא דא שכר בהאי עלמא, מיט דעם איז גוט "וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים" איי מען טאר זיך נישט משתמש זיין מיט מלאכים? נאר די זענען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן "לְפָנָיו" פון די הכנה למצוה און דאס האט יעקב אבינו יא געמעגט שיקן. (קדושת יום טוב) מיט דעם קען מען זאגן, רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן "לִפְנֵיכֶם" דאס מיינט פארן מצוה, די הכנה, און אויף דעם איז יא דא שכר בהאי עלמא. (תורת יפה בעסערמין) אין ספר (פניני שפע חיים אדמו"ר מקלויזנבורג זצוק"ל) ברענגט א שיינעם תירוץ: עס שטייט (פאה א) אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם. זעט מען אז אויף לימוד התורה איז דא שכר אויף די וועלט, דאס מיינט איז פסוק אֶת־הַבְּרָכָה, שכר בהאי עלמא, אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, וואס תִּשְׁמְעוּ איז מרומז אויף תורה וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע." (שמות כ"ד ז') און שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ: (משלי א ח)

**געבן צדקה צו גרויס מאכן דער שם ה'**

נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ: (טו י) דארף מען פארשטיי פארוואס שטייט דא דער לשון פון בִּגְלַל און נישט בַּעֲבוּר –וואס מיינט וועגן– אזוי עס שטייט אלעמאל אין די תורה? נאר די שלימות פון צדקה איז צו געבן ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן און אים געבן א נחת רוח און נישט פאר כבוד, און עס שטייט (משלי יד לח) צְדָקָה תְּרוֹמֵם גּוֹי. צדקה דערהויבט די פאלק כלל ישראל און דורך דעם ווערט דער נאמען פון אויבערשטן גרויס, דאס מיינט בִּגְלַל ר"ת לָתֵת גְּדוּלָּה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית, זאגט די הייליגע תורה נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ, זאלסט געבן צדקה פארן כבוד פון אויבערשטן ווייל בִּגְלַל – לָתֵת גְּדוּלָּה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית– גרויס מאכן דעם אויבערשטן, יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ: (יודעי בינה הרה"ק ר' אלעזר שפירא מלאהנצוט בן הבני יששכר)

**בעטן פארן בנין בית המקדש**

לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה: (יב ה) שטייט אין תרגום בֵּית שְׁכִינְתֵּיהּ תִּתְבְּעוּן וְתֵיתוֹן לְתַמָּן, וואס דאס מיינט דער בית המקדש, און עס שטייט כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה (תענית דף ל ע"ב) דאס קען זיין דער רמז לְשִׁכְנוֹ, צום בית המקדש, תִּדְרְשׁוּ, וועסטו בעטן און מיט פילן דעם צער, וועסטו זוכה זיין אז וּבָאתָ שָׁמָּה וועסט זען די שמחה ווען מען וועט דאס אויפבויען. (עצי לבנון, ר' רובין אדמו"ר סאסוב)

## מדור העובדות

### באקומען צוריק זיין גאנצע געלט

ר' מענדל זאַלץ איז געווען א רייכער איד, ער האט געהאנדלט מיט פריצים, געקויפט וואגאנען - תבואה, אויך גרויסע וועלדער און פעלדער און גוט פארדינט. ר' מענדל איז געווען א גרויסער בעל מכנים אורח און געטיילט אסאך צדקה.

עס האט זיך געמאכט צו קויפן א גאנצע וואלד ביי זיינעם א באקאנטן פריץ און עס שטייט אים צו פארדינען א ריזיגע סכום, אבער צו קויפן די וואלד האט ער געדארפט בארגן אסאך געלט. ער איז געקומען מיטן אוצר פון געלט צום פריץ און ער טרעפט ווי דער פריץ שפירט זיך נישט גוט, זיין קאפ טוט וויי, און די ביינער ברעכן אים און ער קען נישט ענדיגן דעם געשעפט און בעט ר' מענדל צו ווארטן א טאג צוויי, און קיינער וועט אים נישט אויסכאפן. אבער וואס טוט מען מיט דעם גרויסן סכום געלט? ער האט מורא צו גיין ביינאכט. האט ער דאס איבער געלאזט ביים פריץ וואס איז געווען זייער ארנטלעך, און ער האנדעלט שוין מיט אים אסאך יארן. און ער האט נישט גענומען פון פריץ קיין צעטיל.

ר' מענדל איז געקומען אין צוויי טעג ארום און הערט אז דער פריץ לעבט שוין נישט. נו! יעצט קען מען גארנישט טאן, ער מוז ווארטן א טאג צוויי. ר' מענדל

איז צוריקגעקומען אין צוויי טעג אבער יעצט איז שוין געווען דער בעל הבית דער זון פון פריץ וואס איז דער היפך פון זיין טאטן, א קארטן שפילער און א געלט פארשווינדער און דערצו א שונא ישראל.

וואס ווילסטו? בייזערט זיך אויף אים דער יונגער פריץ! זאגט אים ר' מענדל איך האב געגעבן דיין טאטן א גרויסע סכום געלט אפצוקויפן א וואלד. פרעגט אים דער יונגער פריץ צו האסטו א צעטיל? ענטפערט ר' מענדל "איך האב געהאנדעלט יארן לאנג מיט דיין טאטן מיט א געטריישאפט און פארלאזט אויף זיין ווארט". רעדט ר' מענדל מיט טרערן אין די אויגן, פילענדיג זיין בראך.

גייי ארויס פון דאנעט! שרייט דער פריץ און ער רייצט גלייך אן זיין הונט אויף אים און ר' מענדל איז קוים ארויס מיטי לעבן. און ער איז אהיים געקומען און געבליבן א עני ואביון. דער מזל האט זיך איבער געדרייט ביי ר' מענדל ער האט געבארגט געלד און געמאכט פילע געשעפטן. אבער ער האט אלעם דערלייגט רח"ל, און ער ווערט מיט יעדן טאג א גרעסערער בעל חוב. ער האט שוין נישט וואו צו בארגן. עס גייט אזוי אוועק א יאר נאך א יאר מיט א לעבן פון דחקות. ר' מענדל איז נישט מתרעם אויפן אויבערשטן ווייל דאס איז זיין הייליגן ווילן.

אבער איין גרויסע זארג האט ער געהאט: זיין טאכטער וואס איז געווען זייער א געראטענע, איז דערווייל אונטער געוואקסן. בשעת ער איז געווען א עושר, האט ער געחלומט פון נעמען א בחור א עילוי וואס זאל באלייכטן זיין הויז, אבער יעצט אז ער איז א ארימאן און האט נישט צו געבן קיין נדן איז נישטא וואס צו טראכטן פון נעמען אזא בחור.

איין טאג זאגט אים זיין ווייב. מיר טארן נישט לענגער ווארטן מיט אונזער טאכטער. גיי צום הייליגן רבין און דערצייל אים פון אונזער לאגע און בעט איהם א עצה וואס צו טאן. ר' מענדל איז געווען א חסיד פון ר' יחזקאל מקוזמיר זצוק"ל און נאך זיין פטירה איז ער געווארן א חסיד פון זיין זון הרה"ק ר' דוד צבי פון ניישטאדט (מחבר ס' חמדת דוד). אגב דער הייליגער חפץ חיים איז אויך געווען זייער נאנט מיט אים. ר' מענדל איז אויפגעשטאנען און גענומען זיין טלית און תפילין מיט א שטיקל ברויט און ער האט זיך געלאזט אויפן וועג צום רבין מיט די פיס ווייל ער האט נישט געהאט אויף הוצאת הדרך. אזוי ווי ר' מענדל האט איבערגעטראטן דעם רבינ'ס שוועל האט ער זיך אויס געגאסן זיין פארביטערעטער הארץ.

הייליגער רבי! ביז יעצט האב איך זיך נישט באקלאגט! איך האב געליטן דחקות, געהונגערט, און געגעסן טרוקענע ברויט און נישט געהאט קיין טענות צום אויבערשטן! אומזיסט שטראפט נישט דער אויבערשטער. אבער יעצט האנדלט זיך וועגן מיין טאכטער, א ערליך קינד! מיין הארץ ווערד צושניטן פון צער! זי איז שוין א מיידל אין די יארן. און מען טרעפט נישט קיין שידוך.

דער צדיק איז געווארן שטארק גערירט פון ר' מענדל'ס טרערן, און זיין לעכטיגע צורה האט זיך פארוואנדערט מיט צער און רחמנות. דער רבי האט אויף א ווייל זיך פארטראכט און עס איז געקומען א שמייכל אויף זיין פנים. דער רבי האט ארויסגענומען פון זיין טאש א זלאטי -וואס איז 100 גראשין- און דאס איבערגעבן פאר ר' מענדל און געזאגט. נעם א זלאטי און זיי מצליח! ר' מענדל האט שוין געוואלט גיין און דער רבי רופט איהם צוריק. גיב אהער דעם זלאטי! ווערסט האבן געגוג א פערציגער -40 גראשין-! און ער נעמט ביי אים דעם רובל און גיט א פערציגער.

ר' מענדל פארשטייט נישט אבער ער נעמט דעם פערציגער און גייט אוועק. ווען ער איז געווען אין הויף יאגט אים נאך דער שמש, דער רבי רופט דיר! "גיב צוריק די פערציג גראשין" זאגט דער רבי מיט א שמייכל, דא האסטו א צענערל -צען גראשין- און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן! און גיי לחיים ולשלום! ער פארשטייט נישט וואו דא איז געווען, אבער יעצט האט זיך ר' מענדל שוין געיאגט אין וועג אריין. ער איז אפגעגאנגען מיט זיינע פיס עטליכע טעג. דער רבי האט אין אים אריין געגעבן א שטארקן בטחון אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן. אינמיטן הערט ער ווי מען רופט אים אין פויליש זשידק זשידק! ער דרייט זיך אויס און ער זעהט עטליכע יונגע פאסטיכער אויפן פעלד זיצן ארום א פייער איינער פון זיי רופט אים און פרעגט: ווילסטו דאס קויפן? ער ווייזט אים א ביכל מיט גאלדענע טאוולען און ער דערציילט דערביי: מיט א שעה פריערט איז דא א דורכגעפארן א פריץ און האט דאס פארלוירן! קויף עס! ר' מענדל נעמט דאס ביכל און ער עפענט דאס אויף און זעט א פארמעגן פון גרויסע פאפירענע געלט! און די פארגרעבטע פאסטוכער וייסן גארנישט וואס דאס זענען.

"וויפיל ווילט איר פארדעם"? פרעגט ער. גיב א זלאטי! זאגט ר' מענדל "וואס איז דאס דען ווערד"? א צענער קען איך אייך געבן דערפאר. זיי ווילן דאס נישט נעמען. רופט זיך אן א צווייטער פאסטך "א פערציגער ווערסטו יא געבן"? "מער ווי א צענער קען איך נישט געבן"! ענטפערט ער. זאגט איינער "די טאוולען זענען מער ווערד"! זאגט ר' מענדל "ווייסט איר וואס, דער עיקר שיינקייט זענען די טאוולען זיי זענען באדעקט מיט גאלד. נעמט א צענער און גיט מיר די פאפירעלאך. די טאוולען באהאלט פאר זיך! סיי ווי סיי זענען די פאפירעלאך נישט איינגענייט נאר אריינגעלייגט! "זאל זיין" האבן די פאסטיכער מסכים געווען. האט ער ארויסגענומען די פאפירענע געלט און צוריק געגעבן די טאוולען און באצאלט א צענער און איז אוועק.

אין מיטן איז א דורך א רייטער, און ער איז אראפ פון פערד. ווי נאר זיי האבן איהם געזעהן האבן זיי זיך דערשראקן און אריינגעווארפן די טאוולען אין פייער און אנטלאפן. ר' מענדל האט זיך באהאלטען אונטער א בוים און האט געקוקט אויף דעם רייטער און ער האט איהם גלייך דערקענט אז דאס איז דער יונגער פריץ און ער האט פארלוירן די געלט! ער ווארט צו זען וואס עס וועט געשען. דער פריץ לויפט גלייך צו פייער ווייל ער האט פון דערווייטענס געזען ווי די פאסטוכער האבן עפעס אריינגעווארפן אין פייער, ער כאפט א צוויג און שארט ארויס די טאוולען און גיט ארויס א געשריי "מיין געלט האבן זיי פארברענט און נעמט זיך וויינען"! נאך א שטיק צייט איז ער ארויף אויף זיין פערד און אוועקגעפארן אין וואלד אריין.

ר' מענדל איז שנעל אהיים געגאנגען און הויבט אן ציילן די געלט פון דעם ביכל און עס איז געווען פונקט וויפיל ער האט איבערגעגעבן פארן אלטן פריץ. יעצט האט ער פארשטאנען די רוח הקודש ווערטער פון זיין רבין. ווייל ווען ער האט די זלאטי און קויפט די ביכל וואלטן די פאסטוכער אנגעוויזן אויף אים אז ער האט די ביכל און דער פריץ וואלט דאס צוגענומען פון אים. אויך האט דער רבי פארפראוועט דעם שמועס מיטן פערציגער און צענער אז זיי זאלן מסכים זיין צום מקח, און זאל באקומען צוריק וואס איז זיינם זיע"א.

**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן_**

*אלפס עם חתימת הגאון ר' חנוך העניך אייגיש בעל המרחשת 2500 $, מכתב ברכה לנדיב גדול מהגאון ר' יאשע בער מבריסק ירושלים $1000, ספר אורים ותומים לר' יהונתן אייבשיץ ב' חתימות הגאון ר' מרדכי הלוי איש הארוויץ רבו של המגיד מקאזניץ עם קצת הגהות $5000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600,*

גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM* Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim,**

אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת?

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן י"ד עזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז